בס"ד | חודש חשון תשפ"ג לפ"ק | Vol #11

ספעציעלע
שטריימל
ווערטער
בוך

# אידישקייט

נקודות למחשבה צו איבערקלערן אונזער אידישקייט סטאטוס



# איצי קויפט א שטריימל

פון תיכף נאכן שידוך ווען די געטרייע אגענטן אין ישיבה פרובירן צו 'כאפן' איצי צו קומען ביי זייער געשעפט | די שטריימלער לעקציע אין געשעפט | די שטריימל 'באקס', א מסכת פאר זיך | ביז צום ענדעביים קויפן א געהעריגע שטריימל צו נוצן.

# איר שפירט זייער גוט!

אדווערטייזמענט, עפעס באדערט מיר דער מעסעדזש, עפעס קיצלט מיר אזא סטעיטמענט, איך ווייס נישט וואס, אבער עפעס... עפעס זענען מיינע געפילן נישט צופרידן דערמיט.

ווען די מחשבה פאנגט אן קלערן פון רעדן צו איינעם דערוועגן, דאן פאנגט מען אן שפירן ווי מען איז שוין אביסל עקסטרעם, עס איז דא אן איסור אין די תורה צו שרייבן אזוי? וואו שטייט אז מען טאר נישט מאכן קיין אדווערטייזמענטס מיט אזעלכע בילדער אדער סטעיטמענטס? ווער זאגט אז עס איז בכלל א פראבלעם? און אויב באדערט מיר עס יא, וואס דארף איך רעדן דערפון? וויש אפ דיין ווייטאג און גיי ווייטער...

דאס זענען געווענליכע געפילן וואס טרעפן זיך ביי זייער אסאך מענטשן און מען ווייסט נישט וויאזוי אפצולערנען די זאך ריכטיג. פארוואס שפיר איך אזעלכע אומאנגענעמע געפילן מיט די זאכן? וואס ארט מיר דעם אדווערטייזמענט? וואס שטערט מיר אזא סארט מהלך החיים? מען ווייסט נישט פארוואס מען שפירט זיך אומבאקוועם מיט אזעלכע זאכן וואס מען זעט נישט דערין קיין קלארע איסור תורה, עס שטייט דאך נישט אין ערגעץ אז עס איז אסור.

עס האט שוין לאנג געהערשט א צומישעניש ביי זייער אסאך אין דעם ענין, און עס איז באפאלן א שתיקה ביים גאנצן ציבור, קיינער רעדט נישט, קיינער זאגט נישט, מען לאזט דעם ווייטאג אפזיצן טיף טיף אין הארץ און מען בלייבט נאר מיטן הרגש אז דאס טויג נישט, אבער מיט אביסל צומישטע געפילן נישט וויסנדיג פארוואס מען שפירט זיך נישט גוט דערמיט.

און וואס פאסירט? אויב קיינער רעדט נישט גייט אלעס מיט א שטאפל ווייטער, און פון דארט צו נאך א שטאפל און נאך א שטאפל, ואין לדבר סוף חלילה.

אזוי איז אנגעגאנגן א לענגערע תקופה אינעם קורות היהדות הנאמנה, עד שבא 'אידישקייט' והעמידן על אחת.

די אומבאגרייפליכע מהפיכה וואס די אידישקייט בלייבט האט אנגעזייעט ביים היימישן ציבור האט אויסגעשריגן פאר די אלע פארשטויבטע געפילן, ר' איד, איר פילט ב"ה זייער גוט! איר האט נאך

**די 'אידישקייט' שטאב ווערט ממש יעדן טאג איבערגענומען ווי די זעלבע סארט מעסעדזש און קאמענטערן הערן נישט אויף צו פליסן, כמעט יעדן איינציגן טאג קומען אריין פרישע מעסעדזשעס פון אידן וועלכע דרוקן זיך אויס מיט שמחה 'ענדליך רעדט מען שוין פון דעם וואס ליגט שוין ביי מיר אזוי לאנג אויפן הארצן' 'ענדליך זאגט שוין איינער וואס איך טראכט'**

ב"ה דעם ריינעם אידישן געפיל וועלכע עס באדערט נאטירלעך יעדע זאך וואס שמעקט נישט אידיש'ליך.

די 'אידישקייט' שטאב ווערט ממש יעדן טאג איבערגענומען ווי די זעלבע סארט מעסעדזש און קאמענטערן הערן נישט אויף צו פליסן, כמעט יעדן איינציגן טאג קומען אריין פרישע מעסעדזשעס פון אידן וועלכע דרוקן זיך אויס מיט שמחה 'ענדליך רעדט מען שוין פון דעם וואס ליגט שוין ביי מיר אזוי לאנג אויפן הארצן' 'ענדליך זאגט שוין איינער וואס איך טראכט' 'יישר כח פארן מיר לאזן וויסן אז איך בין נישט דער איינציגיסטער וואס באדערט די זאכן' און אזוי ווייטער און נאך פיל ענליכ'ס, עס שרייט זיך ארויס דעם נצח ישראל לא ישקר, טויזנטער אידן ווילן באמת שטיין ווייט פון יעדע נייע מאדע, פון יעדע נייע סטייל, פון יעדע פעולה וואס טראגט אונז א שטאפל אראפ פון אונזער עטליכע טויזנט יעריגע היסטאריע.

אויף זייער אסאך זאכן קען מען טאקע נישט אנטייטלן וואו אין די תורה עס שטייט קלאר ארויסגעשריבן אז דער זאך איז אסור, און עס קען אמאל זיין אז עס איז טאקע נישט אסור, אבער עס בארירט דאס פינטעלע פון א איד, יעדער אידיש קינד וועלכע האלט אן עינא פקיחא אויף זיין אידישקייט סטאטוס און לאזט זיך נישט פירן כצאן לטבחה מיט די ווינט פון די דרויסענדיגע גאס, ווערט פערזענליך געטשעפעט ווען ער זעט אזעלכע זאכן וואס געבן א טרייסל דאס אידישע פנימיות הלב.

און יא, די סטיגמע איז ברוך ה' אראפ, דער עולם שפירט גוט, און מען נעמט ב"ה ערנסטע שריט, עס איז שוין היינט געווארן א נארמאלע טעמע צו דיסקוסירן 'אידישקייט נושאים' און זיך אנרופן וואס מען האט צוזאגן, א זאך וואס איז נישט ריכטיג ווערט ארויסגעזאגט מיטן פולן מויל דורך הונדערטער אידן, א זאך וואס רירט אן די נאטירליכע אידישע געפילן איז אפגעפרעגט ביי יעדן ערליכן איד, א זאך וואס ברענגט ארויס ליצנות, פרעכקייט, געמיינקייט און פראסטקייט, האט נישט קיין פלאץ ביים אידישן פאלק.



דער עולם שפירט גוט, און מען נעמט למעשה'דיגע טריט!



# איצי קויפט א שטריימל

מזל טוב איצי! מזל טוב, איז דעיס א שידוך... קעניינעהארע...

איצי, ווען דו האסט צייט שפעטער אפשר ביי לאנטש, קום מיך טרעפן אין קאוט-רום, כ'מוז רעדן מיט דיר עפעס זייער וויכטיג...קעי?

• • •

איצי, דער חתן דנן וואס ווייסט נאכנישט פונקטליך וואס האט אים באטראפן, ער ציפט זיך נאך צי 'ער' איז טאקע א "חתן" למז"ט, אדער איז ער פשוט אינמיטן א זיסער חלום. אבער די וואונטשענישן גייט אן נאנ-סטאפ, ער איז ארומגערינגעלט מיט צענדליגע חברים וואס פרייען זיך ביז'ן דאך מיט די 'ערשטע' חתן פון זייער כיתה.

ער פילט זיך מעכטיג, וואס דארפסטו מער, ער איז קוים א חתן געווארן און שוין האבן אפאר בחורים פון די עלטערע עידזש באשטעלט מיט אים פריוואטע אפוינטמענטס, ער האט א היינט א 'העווי סקעדזשועל' ביי לאנטש, סאפער, און נאך נאכט סדר. נו, האט זיך דען נישט געלוינט א חתן צו ווערן?

ביי לאנטש ווען איצי האט אפגעהאלטן זיין ערשטן מיטינג אויף די ליסטע מיט חנני', איז ער נאך אפאר מינוט אריין אינעם שמועס געוואויר געווארן אז דא האנדעלט זיך גאר פון א 'געהיימע' אגענט פאר 'ישועה בראשו' שטריימל פירמע. חנני' האט געוואלט זיין דער ערשטער אין די רייע, נאך איידער איצי ווערט חלילה באאיינפלוסט דורך אנדערע חברה וואס ווילן אים שלעפן צו זייער שטריימל מאכעריי.

וואס חנני' האט אבער נישט געכאפט איז, אז איצי זעלבסט איז שוין גאנץ באהאווענט אין די טיפע סוגיא פון שטריימלעך און האט שוין אויך א שטיקל אייגענע מיינונג דערינען. מיט שפייעכץ-רינענדע פראפאגאנדע, האט חנני' אריינגעהאמערט מיט א זאפטיגן לשון לימודים געגוי די סיבות פארוואס זיין שטריימל איז "די" שטריימל וואס איצי מוז קויפן. איצי איז נאך געווען זייער אפגעמוטשעטע פונעם נעכטיגן שפעטן לחיים וואס האט זיך פארצויגן ביז דרייע פארטאגס, ער האט אונטערגעיאגט חנני'ן, און שנעל געלאפן צום קומענדיגן פגישה.

שמשון איז שוין מער א געשולטע אגענט, ער איז שוין געקומען ווי א שטודירטע פסיכאלאג "הער דיך איין, איך קום דיר נישט פארקויפן אז אונזערע שטריימלעך פון "תגביה קרננו" איז די איינציגסטע שיינע שטריימל אויף די מארקעט, אבער אזויפיל קען איך דיר יא זאגן, אלע חתנים וואס האבן מיך געפאלגט האבן נישט חרטה געהאט דערויף, דזשאסט קאנסידער מיי עדווייס אלס א גוטע חבר דיינער".

"הער דיך איין, איך קום דיר נישט פארקויפן אז אונזערע שטריימלעך פון "תגביה קרננו" איז די איינציגסטע שיינע שטריימל אויף די מארקעט, אבער אזויפיל קען איך דיר יא זאגן, אלע חתנים וואס האבן מיך געפאלגט האבן נישט חרטה געהאט דערויף, דזשאסט קאנסידער מיי עדווייס אלס א גוטע חבר דיינער".

במשך די נעקסטע פאר טעג האט זיך איבערגעחזר'ט ענליכע צוזאמנטרעפן, ווען יעדע אגענט פרובירט דאס בעסטע משכנע זיין איצי'ן אז ביי אים איז די ריכטיגע פלאץ צו קויפן א הערליכע פראכטפולע מאיעסטעטישע שטריימל ווי עס פאסט פאר א חתן דומה למלך ווי איצי! ביי נאו איז שוין איצי צומישט און פארלוירן, אויב האט ער געמיינט אז ער קען אביסל די שטריימל מארקעט, האט ער אויסגעפונען אז די נושא איז ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים, ער הייבט נישט צו קענען די נייע ווערטער-בוך פון די שטריימל וואקעבולערי. וואס טוט מען יעצט?

אלע אגענטן פון ישיבה זיצן דערווייל און פלאנירן וועלכע סטראטעגיע וועט ארבעטן צו שלעפן איצי צו זייער קאמפעני, ווייל אויסער די פאקט אז איצי'ס מחותן האט אפאר טאלער, און וועט זיך לאזן קאסטן א שיינעם מוציא אז זיין טשאטשקע זאל האבן דאס שענסטע, נאכמער פון דעם וועט דאס דינען אלס א שטארקע סטעיטמענט, אז אזא פאפולער בחור וואס איז 'צו ג-ט און צו לייט' עז דעי סעי, טראגט א "פלוני ופלוני" שטריימל, ס'וועט ברענגן אסאך בחורים נאכצוטאנצן זיין באשלוס.

ענדליך ענדליך, נאך שווערע טעג און וואכן פון דעבאטירן און הערן שיעורים ודרשות בסוגיית השטריימל, איז שוין איצי אויפ'ן וועג צום "כתר הזנב" שטריימל געשעפט. גלייך ביים אנקום זענען אלע מיטארבעטער אין געשעפט געווען כל כולו מוכן ומזומן צו סערווירן איצי, ער האט יעצט א פריוואטע אפוינטמענט צו קענען צופאסן דעם קרוין פאר'ן מלך זעלבסט!

## א לעקציע אין הלכות שטריימל

איצי איז געקומען אין באגלייטונג פון דער אגענט, און נאך עטליכע חברים "מבינים" וואס ער טראסט זייער טעיסט, אז זיי וועלן אים גוט עצה'נען אויף אזא וויכטיגע אינוועסטמענט פאר'ן לעבן... די גאנצע שוי-רום איז איינגעהילט מיט אן ערנסטקייט, און ער ווערט אריינגעפירט אין א זייטיגע צימער וואס פארמאגט

# איצי קויפט **א שטריימל**

הערליכע שטוהלן און קאוטשעס כראוי לכבוד המלכות.

א יונגערמאן מיט א קליינטשיג חיריק בערדל באגריסט אים העפליך, און שטעלט זיך פאר אלס דער סעילסמאן, און ער גייט אריין אין א לענגערע דיסקוסיע מיט איצי'ן און מען גייט איבער דעם שטריימל לאורכה ולרחבה.

"קודם כל", פאנגט דער סעילסמאן אן דעם געשפרעך, "דארפן מיר וויסן וואס דו זיכסט, אויף וועלכע סארט שטריימל קוקסטו ארויס, און אויף וועלכע זאך וואלסטו געלייגט די מערסטע דגוש".

און ער איז ממשיך, "אסאך חתנים קוקן בעיקר אויפן בויך פונעם שטריימל, אסאך ווילן בעיקר אז ס'זאל זיין די מערסטע הויעכע שפיצן, און אנדערע קוקן אויף די האר עס זאל זיין מער עכט און לעבעדיג".

איצי שטייט אביסל פארלוירן, אבער ער טרייט אנצושטעלן א פנים פון 'א חתן א מבין' און פרובירט איבערצונעמען דאס ווארט און אויסשמועסן וואס 'ער וויל' און זיין שטריימל.

"איז אזוי, בעצם דארף איך א שטריימל וואס יעדער זאל רעדן דעפון, עס זאל זיין אזאנס און אזעלעכס און יעדער זאל זאגן א באגייסטערטע WOW, עס זאל זיין שיין הויעך, פארשטייצעך מיט א שטיקל בייכל, לעבעדיגע האר וואס זאל זיך ווארפן ווי די קיען, באט כ'מיין אז די עיקר איז די הויעכע לאנגע שפיצן העכערן שטריימל"

"אה, כ'זעה דו ביסט א בר דעת, מ'קען רעדן מיט דיר אביסל גרינטליך" זאגט דער סוחר מיט א נעימות.

"אבער איין זאך פארשטיי איך נישט" פרעגט איצי פונעם סוחר מיט א תמימות, "איך גיי גראדע זייער שטארק פאר די הויעכע שפיצן פונעם שטריימל, איך האלט אז דאס איז 'די זאך' ווען עס קומט צו א שיין שטיקל, אבער פארוואס ווען עס פאנגט זיך אן די שיינע שפיצן פון אויבן גייט עס ארויס פונעם שורה וויאזוי עס לויפט די גאנצע שטריימל, אויף די גאנצע שטריימל לויפן די האר אביסל ליגעדיג, און ווען עס קומט צו די שפיצן מאכט עס אזא שארפע עקזיט ארויס וועג, עס מאכט א שארפע דריי גראד ארויף?".

"אההה, פארדעם דארף איך דיר מסביר זיין מיט אביסל א טיפערע לעקציע איבער די עיקר יסוד פון א שטריימל" פאנגט ער אן מיט זיינע הסברים, "די סיבה איז בעצם זייער סימפל, ווייל באמת ליגט די עיקר שיינקייט פונעם שטריימל אינעם שווארצן קאפל אינדערמיט, דאס איז דער יסוד. יעצט ווי מער מ'קען דאס ארומנעמען מיט גדרים וסייגים, איז עס נענטער צום תכלית דערפון.

סאו, די האר פון אויבן וואס מ'רופט די 'קרוין' איז געשטעלט צו וואטשן אויפן קאפל, לכתחלה איז געווען אין פלאן ארומצונעמען מיט שווארצע טוט-פיקס מסביב, נאר היות ס'פאסט נישט אזוי אריין, זענען מיר אויפגעקומען מיט לייגן דארט קאצן-האר, זייער א דויערהאפטיגע סארט האר, וואס ווען מ'קעמט עס אויס און באארבעט עס גוט, איז עס זייער פעסט און שטארק...

יעצט אז דו פארשטייסט(?) ביז אהער, קען מען גיין אביסעלע טיפער, די שטריימל איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי חלקים, עס איז דא די חלק התחתון, וואס דאס איז די ארגינעלע שטריימל, און נאכדעם איז דא די חלק העליון וואס באשטייט פון די געיט ארום די קאפל כמבואר לעיל, אונז ארבעטן יעצט גראדע, מיט די צייט זאל מען עס קענען צוטיילן פראקטישערהייט אויף צוויי באזונדערע פארטס, עס זאל אריינפיטן אין צוויי עקסטערע באקסעס... בקיצור דאס איז נישט פאר יעצט... כ'האף ס'בלייבט בסוד ווייל ס'טאר נישט ארויסרינען פאר די פובליק...

נאכדעם ארבעט מען יעצט צו העכערן די שפיצן מיט א פערטל אינטש שוין אין די קומענדיגע סעזאן, באט ס'איז נאכנישט אריינגעקומען, און אז דו פילסט אז דיין מעין פוינט איז די הויעכע שפיצן, אזויווי ס'איז דאך טאקע, ווייל דאס היט דעם שטריימל, קען איך דיר עס געבן פאר עקסטערע פופצן הונדערט דאלאר, ווייל עס וועט נאך ווערן גערעכנט אלץ קאסטום".

"זיכער געמיר עס" זאגט איצי מיט א פעסטקייט, יעצט קען מען נישט קוקן אויף קיין געלט, און עניוועי ארבעט מען יעצט העפטיג אויף אלע פראנטן צאמצושטעלן געלט פאר די חתונה, סא ס'וועט זיכער זיין גענוג און נאך, אידן צופליקן זיך די הויזן צו העלפן מיין טאטע חתונה מאכן, ס'קומט גרויסע השפעות פון די חברים און משפחה. און ווייסט וואס כ'וועל דיר זאגן, רעכן צו זעכצן הונדערט, זאל זיין א הונדערטער א טיפ אויכעט" פירט ער אויס מיט זיין ברייט הארץ.

"אבער ווי גיימיר ווייטער? וואס טוט זיך מיט די איבריגע חלק שטריימל?" געבט ער צוריק דאס ווארט פארן סעילסמאן.

"ס'דא אסאך דיפרענט פרעפרענצעס ווען ס'קומט צו קויפן א שטריימל, ווי זאגט די וועלט? על טעם וריח אין להתוכח, יש נוהגין מקפיד צו זיין דייקא אויף די חלק הקרוין מיט די שפיצן עס זאל זיין גוט קלעבעדיג מיט 'דיפיטי -דו' דזשעל כדי ס'זאל גלאנצן, מאידך גיסא זענען דא וואס זענען מער נוטה צו לויזערע שפיצן וואס שוועבן אהער און אהין אז בשעת מ'וואקט זאלן מען קענען מיטהאלטן צו וועלכע ריכטונג די ווינט פארט יעצט...

און אזוי אויך ווייטער, למשל ווען ס'קומט צום בויך פונעם שטריימל זענען דא מיימינים ומשמאילים, מאנכע גלייכן א שטיקל בייכל אביסל אנגעפאשעט, דאס געט מער א סטראקטשער פאר די בנין פונעם שטריימל. אנדערע ווילן זיך דווקא שטעלן עס זאל נישט האבן גרויסן בויך, ווייל דאס שטעלט אין שאטן די שיינקייט פון די לאנגע האר..."

"און וואס טו זיך מיט די קאליר האר? דאס איז דאך אויך א שטארקע פוינט אויפן שטריימל" האקט איצי אריין אינעם שטריימל לעקציע.

"אההה...אינגאנצן פארגעסן דן צו זיין איבער די האר גופא, חוץ פון די פאקט אז ס'דא פארשידענע סארט האר, סיי די מאטריאל, און סיי די קאלירן (פונדעם וועלן מיר באלד שמועסן), איז די שאלה

**חוץ פון די פאקט אז ס'דא פארשידענע סארט האר, סיי די מאטריאל, און סיי די קאלירן . איז די שאלה צי לאנגע האר איז בעסער ווייל דעמאלטס עפענט זיך די האר, ס'מער "לעבעדיג", ס'זעהט אויס ווי די בעל חי האט נאך א רוח החיים, די האר אטעמט אריין און ארויס...**





# ווערטערבוך

ערקלערונג אויף פרישע ווערטער
וועלכע האבן נישט קיין קלארע באדייט

## ספעציעלע 'שטריימל' ווערטער-בוך

**בויך** - עפ"י פשט מיינט עס די מיטעלסטע טייל פונעם מענטש צווישן די הענט און די פוס, אין וועלכע עס געפונען זיך די מאגן, געדערים און נאך. אינעם שטריימל לעקסיקאן איז עס די מיטעלסטע חלק פונעם שטריימל וואס שטעקט זיך מער ארויס כלפי חוץ (דוגמת א בויך), און ווערט פאררעכנט אלס א שענערע סטייל.

**שפיצן** - מיינט געווענליך די שטעכעדיגע טייל ביים עק פון אן אביעקט, ווי למשל א לולב האט אויבן שפיצן. ביי א שטריימל איז עס די שטייעדיגע האר ארום און ארום, וועלכע ענדיגן זיך שפיציג אויף ארויף, עד כדי כך אז ס'האט ענליכע דינים צו א לולב, אויב איז נקטם אדער נפסק איז א שאלה אין די כשרות דערפון.

**קרוין** - ראה לעיל ביי שפיצן. אלע שפיצן רינגס און ארום צוזאמען באקומען א פרישע נאמען "קרוין". דאס איז די פראכט פונעם שטריימל, און איז גאר פאסיג ווייל א חתן איז דומה למלך דארף ער אנטוהן א קרוין...

**לעבעדיגע האר** - דאס איז א פריש-געשאפענע טערמין, וויבאלד לעבעדיג מיט האר איז א שטיקל סתירה, אבער דא באדייט עס אז די האר וואקלען זיך פון די ווינט לכאן ולכאן, און געט דעם איינדרוק כאילו ס'האט אין זיך א רוח חיים.

מעשה א

יו"ט אינדערפרי נאכן דאווענען האט יוסי געמיטלעך אהיימשפאצירט פון שוהל, זיין קאזין וואס איז פונקט אקעגן געקומען, זעענדיג יוסי מיט זיין פראכטפולן שריימל, אין איין האנט דעם האריגן טלית בייטל, אין די אנדערע האנט דער האריגן לולב בייטל מיטן גארטל בייטל, האט זיך אנגערופן מיט באגייסטערונג: פשששש...יוסי דו ביסט ממש איין גרויסע שטיק בהמה! און יא, יוסי האט געשטראלט. אדם ובהמה תושיע ה'!

צי לאנגע האר איז בעסער ווייל דעמאלטס עפענט זיך די האר, ס'מער "לעבעדיג", ס'זעהט אויס ווי די בעל חי האט נאך א רוח החיים, די האר אטעמט אריין און ארויס... איך האב שוין אבער געהאט קאסטומערס דא וואס האבן אויסדריקליך נאר פארלאנגט קורצערע האר, הררים התלויים בשערה....הע הע...

ווי פריער געזאגט אז קאלירן איז א מדובר כשלעצמו, ווייל דאס ווענדט זיך שוין אין די קאליר פון דיין האר און פון דיין בארד, אויך קען עס האבן א שייכות מיט די קאנטראסט פון דיין פנים-קאליר, צי ס'איז מער בלאס אדער מער רויטליך, ווייל ס'דארף ארייינבלענדן שיין פון קאפ ביז פוס, אז נישט קען עס געבן א נישט-מסודר'דיגע אויסזעהן ח"ו, דאס ווילסטו דאך זיכער נישט, נישט אזוי?!

אקעי, לאמיר מאכן א סך הכל פון די שקלא וטריא ביז אהער, מ'דארף אויסוועלן א סייז ווי

**"דריי דיך מער רעכטס, ניין צו יענע זייט...יעצט כאפ א טענצל מ'זאל קענען אויסמשל'ען וויאזוי ס'גייט אויסזעהן ביי דיין חתונה...יעצט שאקל דיך שטייטלעך פארנט און צוריק אזוויי ביים שבת באווארפן ווען דו דאווענסט אויבן-אן...טוה נאך איינמאל אן די פאריגע..." וחוזר חלילה.**

הויעך עס זאל זיין, נאכדעם די קאליר, די האר, די געבוי פון די איבריגע איברים ווי די בויך, קאפ, וכו' און אוודאי די געיט פונעם קאפל, און איינמאל דו ביסט מחליט, געט מען אריין די קאסטום-מעיד ארדער אהערצושטעלן א כלילת יופי אי"ה..."

• • •



איצי זעצט זיך אויפ'ן כסא מלוכה און זיין קאפ שווינדלט מיט א פלייץ פון פרישע אינפארמאציע, ער איז יעצט רייכער געווארן מיט אזויפיל אומוויסנדע אינפארמעישן, די גאנצע יסוד פונעם געיט ארום די קאפל, דער געבוי פונעם חלק התחתון און די חלק העליון, די מעטשינג פון די קאלירס, ער ווערט שוין א שטיקל יש, ער פארשטייט שוין צו א שטריימל.

זיינע חברים די יועצים הייבן די טענער צווישן זיך איבערצושמועסן די נידון, זה אומר בכה וזה אומר בכה. כולם פה אחד האבן איינגעשטימט אז קודם דארף מען אנטרייען פארשידענע סעמפלס, און צוביסלעך אויספילן די רשימה מיט די פונקטליכע ריקווייערמענטס.

איינס נאכ'ן אנדערן האבן די געניטע סוחרים ארויסגעברענגט באקס נאך באקס, ארויסגענומען 'סטאנינג' שטריימלעך, בשעת איצי פראבירט זיי אן, שפאנט צום ריזיגן שפיגל און דרייט זיך רעכטס, לינקס, און ארום, לויט די אנווייזונגען פון אלע אנוועזנדע 'יודעי דבר'.

"דריי דיך מער רעכטס, ניין צו יענע זייט...יעצט כאפ א טענצל מ'זאל קענען אויסמשל'ען וויאזוי ס'גייט אויסזעהן

# איצי קויפט א שטריימל

ביי דיין חתונה...יעצט שאקל דיך שטייטלעך פארנט און צוריק אזויווי ביים שבת באווארפן ווען דו דאווענסט אויבן-אן...טוה נאך איינמאל אן די פאריגע..." וחוזר חלילה.

ער באטראכט זיך אינעם שפיגל אינטערגעגראבן פונעם ריזן שטריימל און פרובירט זיך אויסצוקלארן און באטראכטן קודם דעם בויך און די האר ביים חלק התחתון, און עקסטער די שפיצן, די הויעכקייט און די גראדקייט ביים חלק העליון.

ס'איז שוין זיבן אווענט, די סטאר דארף זיך פארשפארן, און נאך גרויס מיה און פלאג האט מען געמאכט א שטיקל בלו-פרינט פאר'ן צוקונפטיגן שטריימל פונעם יאר-הונדערט!

א פארמאטערטע און אויסגעשעפטע איז איצי ארייגעפאלן אין בעט יענע נאכט, ווען אין חלום שפילט זיך איבער סצענעס פונעם פארלאפענעם שווערן טאג. מתוקה שנת העובד...

## צווייטע באזוך ביים שטריימל סוחר

אויב האט איצי געמיינט אז די מסכתא האט זיך שוין געענדיגט, האט ער געהאט א פארדרוסליכע טעות, ווייל די חברים זיינע האבן מסביר געווען אז היינט צו טאגס גארנישט ווייניגער וויכטיג פונעם שטריימל אליין, איז דער "שטריימל באקס".

אין הכי נמי אז אמאל איז א באקס געווען בלויז צו דינען אלס א האלטער פאר'ן שטריימל עס זאל זיין אפגעהיטן ווען ס'איז נישט אין באנוץ, אבער לכל הדיעות טראגט היינטיגע צייטן די באקס א געוואלדיגע חשיבות – נישט קיין טראפ ווייניגער נאר אפשר מער – ווי די שטריימל. די הסבר דערויף איז זייער פארשטענדליך, איצי גייט דאך נישט גיין אין שוהל מיטן שטריימל אנגעטוהן, נאר ער גייט עס מיטנעמען אין א באקס, דארף דאך די באקס זיין שיין. פשוט.

א פרישע פריוואטע אפוינטמענט איז באשטימט געווארן פאר איצי'ן אינעם שטריימל שוי-רום, אצינד וועט מען אויסקלויבן די הכשר מצוה, די מלכות'דיגע באקס וואס זאל האבן די זכי' אריינצונעמען אין זיך דעם פרעכטיגן דריי-שטאקיגע שטריימל. דא איז שוין איצי געווען זייער אומוויסענד אין די נושא, היות ס'איז ממש לעצטענס ערשינען לאור עולם און ער האט נאכנישט געהאט קיין צייט דאס געהעריג דורכצוטוהן בעומק. בלית ברירה וועט ער זיך ווידעראמאל מוזן פארלאזן אויף זיינע געטרייע ידידים וואס האבן אים געהאלפן עד היום.

פאר'ן באקס דעפארטמענט איז דא א באזונדערע סעילסמאן וואס איז אויסגעקאכט אין די פרשה, ער געט צו פארשטיין פאר איצי אז א באקס איז אן ערנסטע החלטה וואס דארף געמאכט ווערן בכובד ראש און נישט סתם כאפ-לאפ. צום ערשט דארף די קאליר פונעם באקס מעטשן מיט די טלית בייטל פון שבת און פון דערוואכן. לויט דעם – האט איצי זיך אנגערופן ווי א מר בר רב אשי וועלנדיג ווייזן אז ער כאפט שנעל אויף – אפשר דארף מען טאקע צולייגן

א פרישע פריוואטע אפוינטמענט איז באשטימט געווארן פאר איצי'ן אינעם שטריימל שוי-רום, אצינד וועט מען אויסקלויבן די הכשר מצוה, די מלכות'דיגע באקס וואס זאל האבן די זכי' אריינצונעמען אין זיך דעם פרעכטיגן דריי-שטאקיגע שטריימל.



אביסל ווייסע האר אינעם שטריימל עס זאל בעסער ארייןבלענדן מיט די שבת'דיגע טלית בייטל, די לולב האלטער און סידור?!

א שאד ס'איז נאכנישט דא קיין צוויי עקסטערע באקסעס, עקסטער פארן חלק העליון און עקסטער פארן חלק התחתון, טראכט איצי צו זיך, עס איז דאך באמת צוויי באזונדערע זאכן, עס וואלט אים געווען זאך גרינגער צו טשוזן צוויי מעטשי באקסעס.

מיטאמאל האט אויפגעבליצט א געדאנק, ער האט ארויסגענומען זיין סעלפאון און אריינגעקאלט זיין מחותן, ווי ער בעט אים צו שיקן א בילד פון די כלה'ס שייטל באקס און פאקעט-בוק, אז דאס זאל אויך מעטשן מיט די שטריימל און שטריימל באקס, ויחדיו יהיו תמים!

די מחותן איז אנטציקט געווארן פון די מורא'דיגע בייפאל, און מיט נאסטאלגישע ווייטאג האט ער אויפגעוויקלט זיינע זכרונות ווען ער האט חתונה געהאט און זיך געדרייט מיט א פלעינע שווארצע קעסטל צו האלטן דעם שטריימל דערין, און האט זיך געשפירט זייער אנידערגעשלאגן אז ער דארף זיך ארומדרייען מיט אזא מיאוס'ע באקסל. ער האט באטאנט זיין אינערליכע פרייד ווי ער האט הנאה אז די סטיילס גייען אינעם גוטן ריכטונג, און אויסגעדרוקט זיין האפענונג אז ביי די אייניקלעך וועט שוין די שיך און די איבריגע מלבושים אויך מעטשן מיט די שטריימל באקס, ס'זאל זיין זה קלי ואנוהו מיט אלע הידורים.

דער קלוגער מחותן האט צוגעלייגט אויך זיין אייגענע טעם פארוואס ער האלט ס'איז אזוי וויכטיג אז ס'זאל טאקע צופאסן צו די כלה'ס צוגעהערן, היות די היינטיגע מנהג העולם איז זייער שטארק נפוץ אז די ווייבל האלט דעם שטריימל באקס, און דער יונגערמאן האלט די שייטל באקס, און ביז יעצט האט דאס נישט געהאט קיין פנים ז' זאל האלטן א שווארצע באקס, יעצט מיט די נייע מהלך וועט מען קענען געהעריג מקיים זיין דעם מנהג במלא הודו והדרו.

• • •

פעסט-פארווערד עטליכע חדשים, איז צום סוף איצי אליינס אריבערגעקומען מיט איין בהלה צום שטריימל סוחר צוויי וואכן פאר די חתונה, און געפרעגט אויב זיי האבן עפעס א שטריימל וואס ער קען למעשה רואיג אנטוהן א גאנץ יאר, זייענדיג אין א גרויס יאגעניש האט ער געכאפט די ערשטע אויסוואל, די שיינע שטריימל האט ער דאך שוין עניוועי אין די ביוטיפיל באקס, גענומען א שטריימל און ביז געציילטע מינוטן געווען אריין און ארויס...

## השתלשלות פונעם

# לבוש השטריימל

אזוי ליצנות צו מאכן פון א שטריימל?

דאס קען מעגליך זיין די מחשבה ביי טייל ליינער נאכ'ן פארענדיגן איצי'ס שטריימל איבערלעבעניש.

אבער מיר פרעגן אויך די זעלבע פראגע:

אזוי ליצנות צו מאכן פון א הייליגע חסידישע מלבוש?

איי, וועסטו פרעגן וואס הייסט ליצנות, אונז ווילן בלויז פארשענערן און פארבעסערן די שטריימל, עס זאל זיין הערליך און פראכטפול?!

אויב פרעגט איר אזא שאלה, דאן פעלט אייך די פשוטע יסודות וואס א שטריימל באדייט, ווען האט מען דאס איינגעפירט, און וואס דארף דאס סימבאליזירן.

די לבוש פון א שטריימל אויפ'ן קאפ איז נישט פון היינט, און אויך נישט פון פאר'ן קריג, נאר גייט צוריק הונדערטער יארן. בעצם איז א שטריימל מימים ימימה געווען א אידישע מלבוש, און די תלמידי בעש"ט הק' האבן דאס שטארק אנגעהאלטן אין אלע דורות זעענדיג אין דעם א שטארקע יסוד אנצוהאלטן אונזער שטאלץ, זיין אפגעזונדערט פון יעדע פרעמדע און נייע פירונגן.

באמת איז נישטא דער פלאץ אריינצוגיין אינעם גאנצן שמועס פונעם 'שטריימל היסטאריע', אבער דאס איז זיכער אז גיין מיט א שטריימל איז געווען מתחילה אוועקגעשטעלט כדי זיך אפצוזינדערן פון די פרעמדע גאס, און זיין אנדערש ווי די פרייע וועלט, כידוע. צדיקים האבן געהאלטן א שטריימל הייליג און טייער, און אפילו געזאגט פארשידענע רמזים אויפן נאמען און אויפן אויסזעהן. חסידישע אידן דורכאויס אלע דורות האבן מיט מסירת נפש ממש אנגעהאלטן צו גיין דערמיט, טראץ וואס אין אסאך פעלער זענען זיי אויסגעשטאנען רדיפות און בזיונות צוליב'ן חטא פון טראגן דעם סארט לבוש.

א שטריימל האט קלארגעשטעלט אז דער וואס טראגט עס, וויל זיך האלטן אפגעשיידט פון די לעבנסשטייגער וואס די גאס שטעלט פאר, מיט אלע אירע סטיילס, פעשאנס, און די כלליות'דיגע סעקולארע קולטור. נישט אומזיסט האבן די צדיקים וואס זענען אנגעקומען קיין אמעריקא נאכ'ן קריג געקעמפט מיט אלע כוחות אנצוהאלטן אט דעם לבוש, אפילו זיי האבן באצאלט דערפאר א טייערע פרייז פון ווערן נאכגעשריגן און אפגעלאכט אין אלע גאסן דורך אייגענע אידישע ברודער זעלבסט, ווייל זיי האבן געזעהן דערין, נישט נאר א וויכטיגע לבוש וואס מ'דארף ממשיך זיין, נאר אויך א וועג צו בלייבן אפגעטיילט פון די טריפה'נע גאס.

קומט אויס לפי זה אז דער היינטיגע שטריימל וואס קומט נאך אלע סטיילישע דעזיינס, איז ממש מהיפוך להיפוך פון וואס דער שטריימל האט אריגינעל



געדארפט סימבאליזירן. וואס אימער דער יעצטיגער שטריימל זאגט, האט דער אמאליגער שטריימל געשריגן געגוי דאס פארקערטע. עולם הפוך ראיתי!

שאל אביך ויגדך, ווען אין די היסטאריע איז געווען אפילו אזא געדאנק אז א חסידישע איד זאל אמאל עפעס קאמפלימענטירן זיין חבר אויף זיין אויסזעהן אדער לבוש, א מושג וואס דער בוכ"ע האט אריינגעלייגט בטבע ביי די עזרת נשים, די גאנצע נושא פון זיך פוצן און אהערשטעלן שיין און באצירט איז אין די קאטעגאריע פון לא ילבש.

והי' כי ישאל השואל, ווילסטו מיר יעצט זאגן אז כ'זאל בכלל נישט קוקן אויף די מראה החיצוני? אויסדרוקליך נישט דאס איז די כוונה! אונזערע רבי'ס האבן מקפיד געווען אויף נקיות הגוף והמלבושים, אוודאי דארף א חסידישע יונגערמאן גיין אנגעטוהן צוזאמגענומען און מסודר, מיט ריינע בגדים און נישט ווי א שלאך פארפלעקט און צופלויגן וואס איז היפוך פון שם שמים מתאהב על ידך און כבוד הבריות. אבער פון דארט ביז'ן זיין אריינגעטינקן כל כולו אין די געניוע פרטים פון די אנגעטועכץ, איז ווי פון דאהי ביז אויסטראליע...

דא קומען צו גיין די גרויסארטיגע למדנים און דרייען מיטן גראבן פינגער מיט עפעס א נייע חידוש, וואס טוט זיך מיט זה קלי ואנוהו?? נעבעך נישטא ווער ס'זאל לאכן, מה ענין שמיטה אצל הר סיני?...די גאנצע מענער קליידונג אינדוסטריע האט געבויעט זייער "סטייל אידעאלאגיע" אויף א דרש פון דעם פסוק, וואס אגב ווערט נישט מוזכר אין קיין שום מפורש אז דאס מיינט אז א חסידישע איד זאל שטיין ביים שפיגל און זיך פוצן פון קאפ ביז פוס, אוועקגעבן שעות פון בודק זיין יעדע סארט סטייל עס זאל זיין די מערסטע צוגעפאסט מיט די קאלירן און דיזיין.

אויב עפעס, ווייסן מיר צוזאגן ווי ווייט די פריערדיגע חסידים האבן ממאס געווען דאס מאכן פון די אויסזעהן א גאנצע ברייטל, אין געוויסע מקומות איז מען דירעקט געגאנגען אויף אן אופן צו ווייזן אז מ'דערווייטערט דאס בתכלית הריחוק. דאס וואס די גמרא זאגט אז דער תנא האט אנגערופן למאני מכבדותא, מיינט צו זאגן אז א מענטש דארף זיך קליידן מכובד'יג און נישט בבזיון, נישט צו מאכן פונעם אן עיקר אז ס'זאל גאר ווערן בכלל א מדובר ביי די עזרת אנשים!

> **די לבוש פון א שטריימל אויפ'ן קאפ איז נישט פון היינט, און אויך נישט פון פאר'ן קריג, נאר גייט צוריק הונדערטער יארן. בעצם איז א שטריימל מימים ימימה געווען א אידישע מלבוש, און די תלמידי בעש"ט הק' האבן דאס שטארק אנגעהאלטן אין אלע דורות זעענדיג אין דעם א שטארקע יסוד אנצוהאלטן אונזער שטאלץ, זיין אפגעזונדערט פון יעדע פרעמדע און נייע פירונגן.**

השתלשלות פונעם

# לבוש השטריימל

## פון אן אמאליגן ביז א היינטיגן שטריימל

ניתנה רא"ש ונשובה, לאמיר טאקע פארשטיין פון וואו האט ארויסגעשפראצט אזא נייע מין ברי' ווי די 2022 שטריימל? דאס זעלבע ווי מיר האבן שוין אויסגעשמועסט אין די פריערדיגע גליונות, געשעהן די זאכן בלא יודעים, געוועגליך הייבט זיך עס אן מיט קליינליכע שינויים און תיקונים, מעגליך אפילו מיט גוטע כוונות, אבער נאך א שטיק צייט געט מען זיך א כאפ, געוואלד עד היכן הגענו? וואס טוט זיך דא??

וואס אמאל די טעכנאלאגישע מעגליכקייטן האבן אנגעהויבן צו ווערן אביסעלע פארגעשריטן, האט מען קודם אביסל משפר געווען די האר עס אל זיין מער צאמגענומען און נישט אויסזעהן ווי די אמאליגע בילדער, ווען א שטריימל האט באדייט א אפגעוועטשטע קאפעליטש מיט עטליכע שפיצן ארויפגעקלעבט, און פארטיג... דער נעקסטער איז געגאנגען און אויסגעגראדט דעם שטריימל'ס רוקן, אן אנדערע האט שוין צוגעלייגט א בויך, א דריטער האט פארלענגערט די האר, עד שיצא השטריימל הזה, וואס הערט נישט אויף וואקסן מיט אן אינטשיגע אימפעט, באלד וועט מען נאך מוזן אביסל העכערן די שוועל ביי די אריינגענג פון די בתי מדרשים אז די יונגעלייט זאלן זיך נישט מוזן איינבייגן ביים אריינקומען אין שוהל...

אזוי האבן זיך זאכן געריקט שטאפלווייז, דער שטריימל איז אריבער גאר אסאך גלגולים ביז ער איז ממש נשתנה צורה צו א נייע סארט לבוש וואס ענדלט גאר ווינציג צום ארגינעלן שטריימל פון וועמען ער איז אפשטאמיג. ער האט דערגרייכט אן אויסזעהן אינגאנצן פארקערט פון די מעיקרא'דיגע מטרה אויף וועלכער ער איז געשטעלט געווארן מתחלה...

נישט בלויז איז די היינטיגע שטריימל נישט אין איינקלאנג מיט זיינע עלטער זיידעס מדור דור, נאר ער איז אוועקגעפארן פונעם ארגינעלן ציל, און בו בזמן וואס ער דארף רעפרעזענטירן חסידישקייט און ערליכקייט, התבדלות פונעם דרכי האמורי און חוקת הגוי, אפגעשיידט לגמרי פון די מאדערנע סארט לייפסטייל. האט ער געטוישט זיין שפראך מן הקצה אל הקצה, ער שטעלט פאר מיט זיך א קומה זקופה, א געוויסע גאווה'דיגע געפיהל, ער קומט אריין מיט א געהויבענעם קאפ און בארימט זיך מיט זיין מאדערנקייט, אויסערדעם וואס ווי שוין פריער געשמועסט דאס איז א זאך וואס באלאנגט אויסשליסליך פאר די ווייבער-שול.

וואס דארפסטו מער פונדעם, אז אמאל ווען איינער האט ליידער אביסל געגליטשט פון דרך הישר ל"ע, האט ער די ערשטע זאך געזוכט פטור צו ווערן פונעם שטריימל, ווייל דאס איז געווען א ריכטיגע חסידישע לבוש, און היות ער האט געוואלט זיך מאדערניזירן, האט ער באלד אוועקגעווארפן דעם שטריימל. היינט צו טאגס איז אן אפטע ערשיינונג צו זעהן חברה מיט געשעיווטע בערד, שמאלע געפאסטע הויזן, קוים אפאר הערעלעך פאר פיאות, אבער ער גייט מיט א נזם זהב... א סקיי-סקרעיפער למעלה מראשותיו... ער האט נישט קיין פראבלעם מיטן שטריימל ווייל "הי' העפענס טו לייק איט וועריִ מאטש, איטס סאו סטיילִיש"...

## וויל איך זיין א 'חסידישע' אדער 'מאדערן-האסידיק' יונגערמאן

פילע ליינער טראכטן יעצט צו זיך, און מעגליך מיט רעכט, "וואס ווילסטו יעצט? וואס זאל מען טון צוליב דעם? גייסט טוישן די וועלט? שוין ווייטער מוחה זיין אויף א נייע פירצה? רבי לעבן, א שאד די צייט..מילא דו וואלסט זיך אפגערעדט אויף די הון תועופות וואס מ'ספענדט דערפאר, אדער איבער די משוגעת'ן וואס מ'לייגט צו דערצו מיום ליום, האלט איך פונקט ווי דיר ס'מאכט נישט קיין טראפ סענס...אבער וואס האט עס מיט אידישקייט צו טוהן? סך הכל וויל מען מאכן שיין א שבת'דיגע לבוש?! דאס איז שוין אויך א פראבלעם?..."

**דא האט מען פשוט גענומען א הייליגע לבוש און אונטער'ן אויסרייד פון כבוד שבת א.ד.ג. האט מען זיך אריינגעלאזט ראשו ורובו ושולחנו אין מאדערנקייט, און דאס איז שוין איינמאל א צרה, ווייל דאס פארשפרייט זיך אויף אנדערע הינזיכטן אויך.**

און באמת, ריכטיג, דאס איז קלאר אז מיר גייען נישט באווייזן צו טוישן די וועלט, און מיר זוכן ניטאמאל דאס. די גאנצע שמועס איז צו ברענגן חומר למחשבה, לאמיר זיך אליין באטראכטן, יעדער יונגערמאן, חתן, און מחותן זאל אליינס באשליסן בינו לבין עצמו, זוך איך אויסצוזעהן ווי א מאדערן-האסידיק יונגערמאן, אדער ווי א היימישע חסידישע יונגערמאן? וועל איך אויפגעבן מיין ריכטיגע השקפה אונטער פרעשור פון חברים, אדער וועל איך פארבלייבן שטארק און שטאלץ מיט מיין ערליכן חסידישן צורה?

די גאנצע מציאות פון מאכן אן עסק פון סטיילס איז אפגעפרעגט אינגאנצן ביי א פרומע חסידישע איד, דא האט מען פשוט גענומען א הייליגע לבוש און אונטער'ן אויסרייד פון כבוד שבת א.ד.ג. האט מען זיך אריינגעלאזט ראשו ורובו ושולחנו אין מאדערנקייט, און דאס איז שוין איינמאל א צרה, ווייל דאס פארשפרייט זיך אויף אנדערע הינזיכטן אויך.

און באמת זענען מיר נישט אליינס אויפגעקומען מיט דעם רעיון, מיר האבן נישט אפירגעזוכט נאך א פירצה, נאר דער ענין האבן שוין אסאך גדולי ומנהיגי ישראל שליט"א אנגעהויבן צו רעדן און עוסק זיין דערין צוריקצוברענגן דעם אמאליגן חן, צווישן זיי ציילט זיך קהילות באבוב, תולדות אברהם יצחק, וויזניץ בני ברק, קארלין סטאלין, און נאך, וואס די רבי'ס אליין גייען מיט אן ארגינעלן שטריימל, און זענען מגנה די נייע הויכשטאקיגע קרוינען און שפיצן וואס זענען צוגעלייגט געווארן. און אין טייל קהילות זענען פארהאן א שטארקע אויפוואכונג ביי די חסידים נישט צו גיין אין א שטריימל וועלכע רעפרעזענטירט דאס היפך וואס דער אידישער לבוש ברויך רעפרעזענטירן.

טייערע חסידישע בחורים און חתנים וועלכע לעכצן און שטרעבן אויפצושטעלן ערליכע אידישע שטובער בדרכי הבעש"ט הק' ותלמידיו הק' למעלה בקודש! בידכם הדבר, יעדע חתן וואס גייט קויפן א נייע שטריימל דארף שפירן אן אחריות פאר זיך און אזוי אויך פאר אנדערע, ווייל חבריך חברא אית לי', און ביי די ענינים ווערן נייע מנהגים בליץ-שנעל צושפרייט פון איינער צום אנדערן, ס'איז זייער קעטשי. לאמיר נוצן די אייגענע שכל ווי אן ערוואקסענע מענטש און זיך האלטן אפגעזונדערט פון די אלע סארט סטיילס והדומה לו. לאמיר פשוט צוריק זיין 'נארמאל' און ניכטער, און נישט פארשלעפט ווערן פון רעקלאמעס און אגענטן וואס פארדרייען א קאפ און טיילן אונז איין וואס צו גלייכן און וויאזוי צו אפרעכטן אונזער לעבן...

# אידישע שטימע

## בעט צו טוישן נאמען

קודם האב איך געוואלט זאגן אז די אידישקייט אויסגאבע איז ממש א מורא'דיגע זאך, איך האב נאר געוואלט זאגן א קליינע הערה, אז אפשר איז נישט כדאי צו נעמען די נאמען 'שאולי', עס זענען דא אסאך פיינע ערליכע אידן וואס הייסן שאולי, צו קינדער הייסן שאולי, און זיי קענען ווערן א געלעכטער, שאולי ביים דינער, שאולי ביים קידוש. איז אדער נעמט מען א נאמען וואס קיינער הייסט נישט אזוי, אדער טוישט מען אלעמאל צו אן אנדערע נאמען, אזוי איז נישט דוקא שאולי.

א גרויסן יישר כח, אסאך הצלחה!

***הערת המערכת:***

*מיר האבן צוריקגעהערט פון נאך אידן נישט אנצוהאלטן מיט די זעלבע נאמען, און מיר וועלן פון דעם חודש אין ווייטער יעדן חודש צו נוצן א צווייטע נאמען, און מיר וועלן פרובירן צו גיין לויטן סדר הא"ב.*

*וזאת למודעי אז מיר מיינען חלילה נישט קיינעם פערזענליך, נאר כדי צו מקרב זיין הדבר אל השכל איז וויכטיג צו נוצן א נאמען, ווי פארשטענדליך.*

## וועקיר"ם פעק"ט

קודם א גרויסן יישר כח אויף די גליון, עס איז ממש מחי' די נפש.

איך האב געהערט אז איינער זאגט א גוט ווארט, פארוואס גייט מען מיט די שמאלע הויזן, ווייל די עולם וויל זיך האלטן זייער פריש, מ'האלט זיך זייער פריש, ממילא מאכט מען זיך וועקיר"ם פעק"ט...

זייטס געזונט

## מעורר איבער די נושא פון קומזיצן

א גוטן, קודם וויל איך איך באדאנקען פאר די מורא'דיגע ארבעט, עס איז א מורא'דיגע חיזוק אין אלע ענינים, אזוי שיין און אזוי קלאר מסביר, מען טיילט חיזוק פאר די אלע וואס ווילן נישט ווערן נאך געשלעפט אבער זיי מיינען אז זיי זענען אליינס, אבער באמת באדערט דאס פאר יעדן ערליכן איד, און נאכדעם וואס עס קומט ארויס אזוי גליון זעט יעדער אז דאס באדערט פאר יעדעם. עס מאכט זיכער אז אויך די מענטשן וואס שטייען אינדערמיט זאלן נישט ווערן נאך געשלעפט מיט די גוי'שע קולטור, און די יודישע אמעריקאנע גאסן זאלן זיך האלטן הויעך.

איך וואלט געוואלט בעטן אויב מ'קען מסביר זיין און אויסשמועסן איבער די ענין קומזיצן, און בפרט וואס איך הער יעצט אז ס'איז דא אין א בית מדרש אין די הימישע וויליאמסבורג, וואו מען האט געזאגט סליחות מוצאי שבת - לא לפי המסורה ווי זייערע עלטערן האבן געזאגט פארטאג'ס – א' סליחות מיט גיטארס און קומזיצן אויף א מורא'דיגע ביליגע און פראסטע אופן, און קלאמפיש האט עס א שייכות מיט ליב האבן דעם אייבערשט'ן, עס ליגט א מורא'דיגע ליצנות אין דעם, אזוויו איר האט שוין מסביר געווען די ליצנות וואס ליגט אין די אדוועטייזמענס פון קול הקודש לנו, אבער דא ליגט נאך א נקודה, מען מאכט ליצנות פון הייליגע זאכן, מען נעמט אזא סליחות און מען מאכט א גאנצע גיטאר קומזיץ פון דעם, און הוא הדין וואס מ'מאכט תיקון חצות קומזיצן, די מגושם'קייט פאר זיך איז שוין א אויסטערלישע פירצה, אבער נעמען הייליגע הויעכע מושגים פון סליחות אדער תיקון חצות, הויעכע און הייליגע זאכן, און מען מאכט א ביליגקייט און א ליצנות דערפון, דאס טוהט מורא'דיג שטארק ווי יעדן ערליכע איד, און מ'דארף זעהן עס אראפ צו רייסן אז דאס זאל חלילה נישט ווערן מער און מער.

און נאכאמאל א גרויסן יישר כח אויף די מורא'דיגע ארבעט, עס האט א מורא'דיגע שטארקע השפעה, דער אייבערשטער זאל ענק העלפן ווייטער מיט סייעתא דשמיא.

## רעדן מער איבער די קאנטרי'ס

א גוטן, איך האב יעצט באקומען די אויסגאבע פון תשרי, איך קען אייך נישט גענוג באדאנקען ווי שיין עס איז, און וויאזוי עס איז ארויס געברענגט אויף א וועג פון איינער וואס קען דעם סארט לעבן און ער לייגט עס אראפ מורא'דיג גוט.

איך האב זייער הנאה געהאט אז מ'האט דערמאנט די ענין וועגן די קאנטריס וויאזוי ס'קוקט אויס, איך מיין אבער ס'איז כדאי אביסל מער צוצולייגן דירעקט די ענין פון די היינטיגע קאנטרי'ס וויאזוי ס'קוקט אויס, נישט נאר א קידוש אין קאנטרי, אז מענטשן זאלן כאפן און פארשטיין אין וואס זיי גייען אריין, און אפשר איז טאקע כדאי צו רעדן דערפון שוין יעצט ווינטער, ווען ס'איז נאכנישט אזוי ווייט נוגע, ווען מ'האט נאכנישט אזוי שטארק די נסיון דערפון, צו קענען טראכטן דערפון מיט א ניכטערן בליק, און מצד שני, רוב פון די גרעסערע קאנטרי'ס, מיט די זומער\ווינטער הייזער זענען שוין אפן פון חנוכה צייט...

א גרויסע יישר כח אויף אייער חיזוק און אויף אייער הייליגע ארבעט.

## גרייט זיך מיט א קול קורא...

א גוט'ן, עסט זעטס אינגאנצן משוגע? די צודרייטע גליון? איר האלט איינער קוקט עס אן? קיינער קוקט נישט אן ענקערע פאריקטע גליון, סתם אבי שלעכט'ס אויף יודישקייט, יעדע יודישע זאך, יעדע זאך וואס שמעקט נישט פאר איינעם געבט מען ארויס א גליון, סתם מ'מאכט ליצנות פון יודישקייט, וואס איז די צודרייטע גליון, הערט'ס שוין אויף, אז נישט קומט מען ארויס מיט א קול קורא אקעגן ענק, נו, נו.

## לוקסוס מיט די טייערע הייזער

א גרויסן יישר כח, עס איז א מורא'דיגע ארבעט

איך האב געוואלט זאגן אז אויב מען קען זאל מען אויך רעדן פון די זומער הייזער וואס מ'בויעט זיך, אין די אלע אדוועטייזמענט פאר עס, קודם כל די הייזער אליין וויאזוי ס'איז געווארן, וואס מ'לייגט אריין אזוי פיל לוקסוס, און דאס איז נישט גענוג.חוץ פון דעם אז די גוים קוקן אויף עס און עס ברענגט נישט גוטס פאר אונז.

די אייבישטער זאל העלפן ענק זאלן קענען ווייטער אסאך אויפטוהן , און דורך דעם ברענגן די גאולה.

# נצ'צ' קודש

אויסצוגן פון דברות קודש פון גדולי האדמורי"ם שליט"א וועלכע זענען מגנה די פרישע שטריימל עפאכע וועלכע נעמט נישט קיין עק.

כ"ק אדמו"ר מבאבוב שליט"א:

**וואס וואלט די הייליגע ר"ר מענדעלע מ'רימנוב זצוק"ל געזאגט צו אזעלכע שטריימלעך ווי די היינטיגע מאדעס?**

מרן אדמו"ר מ'ווידשניץ שליט"א:

**די סארט שטריימלעך זענען ממש דאך אן עקל, עס שטעכט מיר די אלע שפיצן!**

כ"ק אדמו"ר מ'קאשוי שליט"א:

**די מודעות און די אדווערטייזמענטס פון די שטריימלעך זענען דאך ממש כנוסח הגוי, דארטן האלטן מיר שוין?!**




## אויפוואכונג אין ק"ק קארלין סטאלין

מערקט אויף די רעכטע זייט פונעם צעטל די נייע שטריימל וואס קומט אט אט אריין אין סטייל...

# רינגס ארום און

כאפנדיג א בליק רינגס און ארום אונזערע נקודות פון דא און דארט



ווען מען אדווערטייזט עס מוז דאס נישט זיין דורך פרעס אז דער עולם זאל דאס באמערקן.

א געלונגענע מארקעטינג עד וואס קיינער האט נישט געקענט פארפאסן, אויף אן איידעלע אידישע פארנעם.

## 'טראסט איז נישט קיין סוכה




'טראסט איז נישט קיין סוכה!' אזוי?! גראדע ביי אונז אידן איז סוכה דער סימבאל פון טראסט, דער סימבאל פון צלא דמהימנותא וואו מען ווייזט ארויס אונזער שטארקייט פון אמונה אין בורא כל עולמים!

און בכלל, דער גאנצער עד פארנעמט א גרויל אין א אידיש הארץ.

## שטריימלעך אין תולדות אברהם יצחק

התעוררות אין קהלה קדושה תולדות אברהם יצחק צו גיין מיט 'א חסידיש שטריימל' כאוות רצון קדשו פון כ"ק מרן אדמו"ר מ'תולדות אברהם יצחק שליט"א וועלכע האט מעורר געווען דעם ציבור נישט צו גיין מיט די היינטיגע הויעך שטאקיגע שטריימלעך וועלכע מאכט דעם הייליגן לבוש פאר א 'היינטיגע סטייל' און רייסט ארויס געלט פון אידישע קינדער.






די רבי שליט"א האט מעורר געווען די חסידים אז א שטריימל דארף נישט זיין מער פון 13 סענטימעטער וואס דאס איז בערך 5 אינטשעס הויעך.

## הייבט אן דעם נייעם יאר מיט פלעיווארד זשערקי




איך ווייס נישט פונקטליך וואס דא גייט פאר, אבער דא שטייען צוויי אידן אום ראש השנה איינגעוויקלט אינעם טלית און עסן זשערקי. ווי עס שטייט אין די קליינע ווערטער "הייבט אן דעם נייעם יאר מיט פלעיווארד זשערקי"... די שאלה איז נאר ווען דאס איז געווען, צו פאר די תקיעות, אדער נאך אפשר פאר שחרית...

נישט אומזיסט ווערן זיי באטיטולט מיט די גרויסע ווערטער "מי ברעב", לא רעב ללחם ולא צמא למים ולא לדבר ה', כי אם לפלעיווארד זשערקי ראש השנה ביים דאווענען...

און סתם אזוי אינטערסאנט וויאזוי ער טייטש אפ דאס ווארט 'רעב' ווען מען זאגט עס מיט א רייכע אפעטיט עסנדיג פרישע פלעיווארד דזשערקי... גיי פארשטיי.


טייערע חתן,
דו
מוזט
נישט
האבן א
'סטיילי'
שטריימל.
קענסט
רואיג גיין
מיט א
'נארמאלע'
שטריימל
• הערות
• קאמענטארן
• געדאנקען
צו איבערלאזן א מעסעדזש פאר די מערכת רופט:
845.320.5180
realyiddishkiet@gmail.com